הוספה לגליון
לרגל הסתלקותו של
הגאון גאב"ד קארלסבורג זצ"ל

# לקט שיחות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
# עם כ"ק הגאון הצדיק המפורסם רבי יחזקאל ראטה זצוק"ל
# גאב"ד קארלסבורג ובעמח"ס עמק התשובה*

## בענין הנחת תפלין בחול המועד, והקרבת הפסח במדבר

בביקור **רבינו שליט"א** יום ב' דחוה"מ פסח תשע"ח לפ"ק

**רבינו:** ווי אזוי שפירט זיך דער רב ?

**גאב"ד קארלסבורג:** כמעשה, בחסד.

**רבינו:** אין חיצוניות זעהט דער רב גוט אויס, אין פנימיות אוודאי.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער אייבערשטער זאל העלפן. מען עסט דאך יעצט די מיכלא דאסוותא, איז דאס אויך א רפואה. איך האב געלערנט יעצט דעם שיעור אין סטאלין (במסגרת ארגון שיעורי תורה).

**רבינו:** וועלכע ענין האט דער רב גערעדט?

**גאב"ד קארלסבורג:** מען האט געפרעגט א שאלה, אז אין אונזערע קהלות לייגט מען נישט קיין תפלין אין חול המועד, און איינער לייגט יא תפלין, צו זאל ער לייגן תפלין אין בית המדרש, וואו עס גייט אן לא תתגודדו (דברים יד-א), אדער זאל ער לייגן אינדערהיים. איך מיין, אז עס הייסט נישט אז ער גייט אקעגן בית דין, און ער קען בלייבן אין בית המדרש און לייגן תפלין. נאר ווען עס איז דא אטייל וואס לייגן יא, און אטייל נישט, דעמאלטס איז א פראבלעם, אבער ווען א יחיד לייגט תפלין, הייסט עס נישט אז מען גייט אקעגן בית דין.

**רבינו:** ווי אזוי פירט מען זיך, ווען איינער ווערט בר מצוה חול המועד?

**גאב"ד קארלסבורג:** ביי אונז לייגט מען נישט חול המועד, מעןווארט אויף נאך יום טוב. אזוי ווי אונז לייג מיר נישט תפלין חול המועד, איז עס אזוי ווי איינער וואס ווערט בר מצוה אין שבת.

**רבינו:** ביי א ברית מילה טוט זיך אויך, צו מען זאל אנהאבן די תפלין, וועגן צוויי אותות.

**גאב"ד קארלסבורג:** יא, שבת און יום טוב איז דאך אליין א אות.

**רבינו:** עס איז דא וואס האבן זיך געפירט אז בחורים האבן יא געלייגט תפלין חול המועד.

**גאב"ד קארלסבורג:** דאס איז א צווייטע זאך, דער **דברי חיים זי"ע** האט אזוי געהייסן, אבער די חסידישע וועלט האט נישט אזוי אנגענומען.

**רבינו:** ווען מען ווערט בר מצוה שבת, לייגט מען תפלין זונטאג אדער ערב שבת?

**גאב"ד קארלסבורג:** זונטאג, מען האט נישט מקדים געווען.

**רבינו:** וואס איז די הסבר אז דער **דברי חיים** האט יא געהייסען אז בחורים זאלן אנטון תפלין חול המועד?

**גאב"ד קארלסבורג:** די **רמ"א** פסק'נט אין שלחן ערוך (או"ח סימן לא סעיף ב) אז מען זאל לייגען תפלין. די בחורים דארפן טון וואס עס שטייט אין שלחן ערוך. מילא א יוד וואס לייגט רבינו תם תפלין, ער פארשטייט שוין אביסל, אים קען מען זאגן עס איז איין אות צו צוויי אותות. אין די צייטן פונעם **דברי חיים** איז געווען אסאך יודען וואס האבן נישט אנגעטון קיין רבינו תם תפלין.

**רבינו:** אינדערהיים האבן רוב יודען געלייגט תפלין חול המועד?

**גאב"ד קארלסבורג:** די אשכנזים האבן דאך אלע געלייגט תפלין. און די חסידישע יודען וואס זענען געווען צווישן די אשכנזים האבן אויך געלייגט תפלין. נאר דארט וואו עס איז געווען חסידישע שטיבלעך, דארט האט מען נישט געלייגט, אבער רוב שטאט האט געלייגט. אפילו תפלין דרבינו תם האבן אויך נאר געלייגט די חשובע יודען, אבער סתם בעלי בתים האבן נישט געלייגט קיין רבינו תם, נאר זיי האבן געטון אזוי ווי עס שטייט אין שלחן ערוך, האבן זיי אויך געלייגט תפלין אין חול המועד. נישט צו לייגן תפלין חול המועד איז שוין חסידישע זאכן. די זעלבע זאך איז מיט נישט עסן קיין געבראקטס, די רבנים האבן יא געגעסן, און זיי האבן אויך געגעסן

---

* בהתקרב ימי המועדים, אמרנו להעתיק בכאן כמה שיחות קצרות בעניני חג הפסח ול"ג בעומר והמסתעף [בעניני טומאת כהנים במירון ועוד], דבריהם הן הן זכרונם, בזכרון קדוש.

מאשין מצות. היינט איז שוין בעסער די מאשין מצות פון וואס עס איז געווען אין יוראפ, ווייל דעמאלטס האט עס נישט געארבעט מיט לעקטער, עס איז געווען מיט כח אדם, איינער האט געדרייט, און ווען עס איז ארויסגעקומען האט מען עס געדארפט שניידן, און איינער האט עס אריינגעשיבט אין אויוון. אבער היינט גייט עס אסאך שנעלער, פון ווען מען לייגט אריין די מעל, ביז צוויי מינוט קומט שוין ארויס אפגעבאקענע מצות.

**רבינו:** ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, מיר זאלן זוכה זיין עס צו עסן דארט.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער רב איז דאך א כהן, א כהן דארף זיך שוין צורישן.

**רבינו:** מיר האבן נישט קיין פראבלעם. מען וועט זיין צוזאמען מיטן רב, און דער רב וועט זאגן וואס מען זאל טון...

**גאב"ד קארלסבורג:** די גמרא (פסחים סד:) דערציילט, אז איין מאל האט מען געציילט וויפיל כליות עס איז געווען פון די קרבן פסח, און עס איז געווען כפלים כיוצאי מצרים. וויפיל מענטשען האבן שוין געקענט אריינגיין אין בית המקדש? א קרבן האט מען דאך געדארפט שחט'ן אין די עזרה, ווי האבן געהאט פלאץ הונדערטער טויזנטער מענטשען? עס איז טאקע געווען דריי כתות, אבער ווי גרויס איז שוין געווען די עזרה. עס מוז זיין אז עס איז געווען אינו מן המנין, אזוי ווי די גמרא (יומא כא.) זאגט אז מקום ארון אינו מן המדה, איז דעמאלטס יעדער אריין, די עזרה איז גרעסער געווארן. אויפן **חתם סופר** זאגט מען דאך, אז ביי זיין שיעור צימער איז אזוי געווען (**הגה"ק משאמלויא זצ"ל** בהסכמתו לספר זכרון למשה). מען האט דאך געדארפט שפריצן די בלוט פון יעדע קרבן אויפן מזבח כנגד היסוד, עס איז געווען שורות שכולו זהב און שורות שכולו כסף, וויפיל שורות האט שוין געקענט זיין.

**רבינו:** די מפרשים זאגן, אז די חידוש איז נאך שטערקער, ווייל ביים פסח ראשון איז נישט געווען מער פון אהרן מיט זיינע צוויי קינדער, פנחס איז נאר נתכהן געווארן שפעטער. וואס האט מען געטון ערב פסח, דריי מענטשען האבן געדארפט מקריב זיין די קרבנות פאר ששים רבוא יודען.

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל האבן א פרייליכען לוסטיגן יום טוב וויטער אויך, מיט אריכת ימים ושנים, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען אויף שמחות אי"ה. איך דארף א גוטע ברכה פונעם רב.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זוכה זיין קענען מרבה זיין תורה מיט נחת פון די תלמידים, און הרחבת הדעת. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים, מיט שיינע דורות מתוך שמחה ונחת.

**רבינו:** אמן. דער רב זאל אויך זיין געזונט און שטארק, און קענען מרביץ תורה זיין מתוך נחת און הרחבת הדעת, מתוך שמחה וטוב לבב.

---

## ימי הפסח וראש השנה אצל הרה"ק מבעלזא זי"ע

בביקור אצל **רבינו שליט"א** במחנה מתיבתא נחלת יעקב
יום א' פרשת שופטים תשע"ג לפ"ק

---

**רבינו:** וואו אזוי שפירט מען זיך.

**גאב"ד קארלסבורג:** ברוך ה'.

**רבינו:** וקוי ה' יחליפו כח (ישעיה מ-לא).

**גאב"ד קארלסבורג:** ברוך הנותן ליעף כח. אין בעלזא זינגט מען שבועות, דעם ניגון ובאו כולם, ענדיגט מען ברוך הנותן ליעף כח. דער **בעלזער רב זי"ע** פלעגט מכבד זיין די אלע וואס זענען געזעסן ביים טיש, יעדען איינעם עקסטער, מען זאל זינגען ובאו כולם. מיין טאטע ז"ל האט אויך געזינגען. איך בין אויך געווען איין מאל שבועות אין בעלזא, אין תל אביב. עס זענען געזעסן ביים טיש אנשים חשובים ומכובדים. דעמאלטס איז נישט געווען אזוי שכיח, אז רבנים זאלען זיין אויף יום טוב.

**רבינו:** מען האט בדרך כלל נישט געקענט אוועקפארן, און איבערלאזען די שטאט.

**גאב"ד קארלסבורג:** און נישט יעדער האט געהאט וואו צו זיין. מיר האבען געהאט א פעטער, וואס האט געוואוינט דארט אין תל אביב. און דארט פלעגן מיר זיין, שבת חנוכה, שבת שקלים, און שבועות. מוצאי שבת פלעגן קומען רבנים אויך.

הרב יהושע מענדל ערענבערג פלעגט זיך מפלפל זיין דארט ביים טיש, ביז ווען דער רב איז אריינגעקומען. מען האט דאך נישט געוואוסט, ווען ער וועט אריינקומען.

איך בין אויך אמאל געווען ביים סדר. אין ארץ ישראל איז עס דאך נישט מער פון איין טאג. מען האט זיך געדארפט מיטנעמען מצות און וויין. די רעבעצין איז געזעצן ביים טיש נעבען אים, און די שוועסטער אויך.

**רבינו:** און נאכדעם זענען געזעסן דארט מענער?

**גאב"ד קארלסבורג:** עס זענען געזעסן דארט מענער.

**רבינו:** ער האט געגעסן די מצה פאר חצות?

**גאב"ד קארלסבורג:** עס איז נישט אויסגעקומען אז מען זאל עסן די כזית פאר חצות. מען האט נישט געקוקט צו עס איז פאר חצות אדער נאך חצות. שופר האט מען דאך אויך נישט געקוקט. ער האט אליין געבלאזן שופר, און ער האט נישט געהאט קיין כח צו בלאזן שופר, און עס איז אונז נישט בייגעפאלען איבערצוהערן די תקיעות.

**רבינו:** וואס איז די אמת'דיגע תירוץ אויף דעם?

**גאב"ד קארלסבורג:** ובשופר גדול יתקע וקול דממה דקה ישמע. איך וועל אייך זאגען, תקיעות, קען דאך נישט יעדער איינער. אפילו די וואס בלאזען, אויב ער איז נישט קיין רב, וואס קען די הלכות, כמעט קען מען נישט יוצא זיין. צו וויסען די תרועה, ווען מען דארף נאכאמאל אנפאנגען, און ווען עס איז א הפסק, און ווען עס איז נישט קיין הפסק. עס איז אלעס דאורייתא'דיגע זאכען, וואס עס שטייט אין שלחן ערוך (או"ח סימן תק"צ). נאר דער בעל בת'ישער עולם נעמט געווענליך א בעל תוקע, צו דער רב צו א צווייטען. ביים **סאטמארער רב** איז אייער פאטער געווען דער בעל תוקע. להלכה דארף א תקיעה מיט א שברים און א תרועה זיין אן קיין שום הפסק.

אין בעלזא איז יא געווען איינער וואס איז ארויס נאכן דאווענען, און ער האט איבערגעבלאזען די מאה קולות.

**רבינו:** קען זיין אז זיי האבען אינגאנצען נישט געהערט. זיי זענען געווען אזוי ווייט, אז זיי האבען נישט געהערט די תקיעות.

**גאב"ד קארלסבורג:** דעמאלטס איז נאך נישט געווען קיין טויזענטער יודען. איך מיין, אז אין בעלזא איז געווען ראש השנה, נישט מער ווי צוויי הונדערט יודען. און דאס האט שוין געהייסען א גרויסער עולם.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט נאכצוזאגען פון זיין פאטער, דער **סערדאהעלער רב**. אז די וועלט זאגט, אז דער **שינאווער רב** האט אמאל אויסגערופן נאך דעם **צאנזער רב'ס** תקיעות, אז ווער עס האט היינט געהערט דעם טאטען בלאזען שופר, דארף איבערבלאזען. האט דער **סערדאהעלער רב** געזאגט, אז ער איז געווען די לעצטע הייליגע טעג ביים **שינאווער רב**, און מען האט געקענט אויסרופען נאכען **שינאווער רב'ס** בלאזען, אז ווער עס האט געהערט דעם **שינאווער רב** בלאזען שופר, מעג אויך איבערבלאזען. עס קוקט אויס, אז ווען ער איז אליין געווארען א רבי, האט ער אויך אנדערש געבלאזען. - דער עיקר איז, אז אין הימל זאל עס ווערן אנגענומען.

**גאב"ד קארלסבורג:** ווען דער **בעלזער רב** האט געפירט שלש סעודות איז שוין געווען מוצאי שבת, און דעמאלטס איז דער עולם געקומען. מען איז ארויס געפארען פון ירושלים מוצאי שבת. ער איז אריינגעקומען בערך עלף אזייגער, ער האט ממשיך געווען די סעודה פון בייטאג, עס איז געווען א פאר שעה אינדערמיט, מען האט אריינגעברענגט צוויי גרויסע חלות, ער איז אריינגעקומען, און זיך געוואשען נטילת ידים.

**רבינו:** ער האט אויף זיך אליין געזאגט, אז דאס וואס ער דאווענט שפעט, ווייל צוליב זיין חולשה איז ער אינגאנצען פטור מן התפלה.

**גאב"ד קארלסבורג:** תשעה באב איז ער אויך ארויסגעקומען, און ער האט אליין געזאגט די קינות. ער האט אליין פארגעזאגט די קינה פון אלי ציון ועריה, אזוי ווי א רב. אין בעלזא זענען זיי געווען רבנים, האבען זיי זיך געפירט ווי די רבנים, מיט די רבנו'ישע זאכען. אין בעלזא האט מען נישט גערופן רבי, נאר רב. ווען גייט דער רב אריינקומען.

**רבינו:** בפניו האט מען געזאגט רבי?

**גאב"ד קארלסבורג:** יא. יעדען רב אין א שטאט, האט מען בפניו גערופן רבי. כאטש ער איז נאר געווען דער רב אין די שטאט.

אינדערהיים איז מען נישט אריינגעגאנגען אין א נעאליגישע שול, אבער אין א אספנאלישע שול איז מען יא אריין געגאנגען. דאס איז געווען פון ספרדישע יודען. אין טעמישוואר איז געווען א אספנאלישע שול, די שול איז געווען כשר.

**רבינו:** זיי זענען געווען אינטערגעווארפען אינטערן רב, אדער זיי האבען געהאט א אנדערען רב?

**גאב"ד קארלסבורג:** אין קארלסבורג איז געווען צוויי שולען א ספרדישע און א אשכנזישע, און דער **מראה יחזקאל** איז געווען רב אויף ביידע קהלות. ער פלעגט פסח ביי נאכט, ווען מען זאגט הלל, דאווענען ביי די ספרדים. זיי זענען געווען ערליכע יודען. א שוחט האבען זיי יא געהאט אן עקסטערען. טאמער איז ער געווען א שוחט ביי די נעאלאגען, איז ער געפסל'ט געווארן, און ער האט נישט געקענט צוריקקומען, ער איז שוין געווען אראפגעקוקט. נאך די פטירה פונעם **כתב סופר** איז געווארן נאך

שטארקער דער הבדל, עס איז געווען מקומות, וואס אפילו א משא ומתן, האט מען נישט געוואלט מיט זיי פירן. כאטשיג זיי זענען געווען די עשירים. זיי האבען דאך אלעס צוגענומען. די בתי חיים. איז אויך צו זיי אריבערגעפאלען. אונזערע יודען האבען זיך אפגעטיילט. מען איז געגאנגען בעטן פון די מלכות, אז מען זאל אונז געבען א רעכט, אז מיר מעגן זיך אפטיילען. זיי האבען דאך נישט געוואלט אז מען זאל זיך אפטיילען. נו, אז דו טיילסט דיך אפ, בלייב איך מיט אלע נכסים, די בתי מדרשים, און די בתי חיים. אפילו די צדיקים וואס זענען געווען אין די בתי חיים, איז אריינגעפאלען צו זייער הענט. ביי אונז איז געווען **רבי דוד אפענהיים**, און נאכדעם וואס מען האט זיך צוטיילט, איז ער אריינגעקומען אין זייער חלק. אין פעסט זעהט מען דאך דארט, אז די אלע גדולים וואס זענען געווען פארדעם, זענען אין זייער חלק.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**גאב"ד קארלסבורג:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפען, מען זאל זוכה זיין להגדיל ולהרבות תורה וטהרה, שנות חיים יוסיפו לך, קענען מרבה זיין די גבולי התורה און טהרה. און דער עולם זאל מען זעהן, אז זיי זאלען זיך קענען פירן ווי עס באדארף צו זיין. און דער אייבערשטער זאל העלפען, מיר זאלען זוכה זיין, צו א כתיבה וחתימה טובה, לאלתר לחיים טובים ולשלום.

**רבינו:** דער רב זאל אויך זיין געזונט און שטארק, מיט אסאך לאנגע געזונטע יארען, קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און קענען משפיע זיין פארן גאנצען כלל ישראל. און האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

**ונפרדו לשלום**

---

__בענין טומאת כהנים במירון__

בביקור **רבינו שליט"א**

יום ג' פרשת קדושים תשע"ו לפ"ק

---

**רבינו:** ברוך השם, מען זיצט שוין ביי די גמרא און מען לערנט (אחר שחלה הגאב"ד בחודש ניסן העבר).

**גאב"ד קארלסבורג:** ברוך השם, מען האט געקענט עסן די כזית מצה, און די ד' כוסות.

**רבינו:** די מצות האט מען געדארפט צו צוברעקלען, אדער מען האט געקענט עסן געהעריג?

**א' מהנוכחים:** מען האט געהעריג געגעסן די מצה ומרור, אויך די חריין...

**רבינו:** מצה איז דאך א מיכלא דאסוותא (זוה"ק ח"ב קפג:).

**גאב"ד קארלסבורג:** מיכלא דאסוותא, מיכלא דמהימנותא.

**רבינו:** אז מען האט אמונה האט מען א רפואה אויך, עס איז פארבינדען איינס מיט די אנדערע.

דער רב האט נאך יסורים?

**גאב"ד קארלסבורג:** ניין, נאר איך בין שוואך.

**רבינו:** אויף דעם זאגט מען יעדן טאג א ברכה הנותן ליעף כח.

**גאב"ד קארלסבורג:** יא, הנותן ליעף כח. אין בעלזא שבועות ביים טיש, איך בין געווען דארט ביים טיש ביים בעלזער רב זי"ע, ווען מען האט געזינגען דעם ניגון ובאו כולם בברית יחד, האט מען גע'ענדיגט (בקטע אחד) ברוך הנותן ליעף כח, ער האט מכבד געווען יעדן איינעם צו זינגען.

נו, עס האט זיך יעצט אנגעפאנגען דער זמן פון זומער, מען איז דאך מרביץ תורה לעדרים, עדרי צאן קדשים וואס לערנען תורה.

**רבינו:** דער רב גייט ערגעץ זיך אפרוען?

**א' מהנוכחים:** מען גייט זיך אפרוען ל"ג בעומר אין מירון...

**רבינו:** דאס איז עבדות אני נותן לכם, אפשר דארף מען זיך פארדעם אפרוען אביסל.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער אייבערשטער זאל העלפען, ער זאל אונז אלע געבן כח, דער ווינער רב זאל זיין געזונט און שטארק, מען זאל האבן הצלחה וברכה מיט אייערע תלמידים, חשובע תלמידים, בעלי דרך ארץ, איר זאלט האבן פון זיי נחת.

עס פארן דאך יעצט קיין מירון טויזנטער יודען, עס איז געווארן א גרויס געפארעכטץ, פון דא אין חוץ לארץ אויך. עס איז גרינגער געווארן היינט דאס פארן אהין, אמאל איז עס געווען זייער שווער, אין אנפאנג ווען איך בין געווען דארט, מיט יארן צוריק, איז געווען דארט פול מיט דאלע סארט מענטשען, אבער דער היימישער עולם איז נישט געווען אזויפיל.

**רבינו:** דער עולם פלעגט צו גיין ביינאכט שפעטער.

**גאב"ד קארלסבורג:** יא, פארנאכטס. היינט ב"ה קומט א גרויסער עולם צו פארן, עס איז דא דארט עקסטער פאר מענער און פאר פרויען, מען האט שוין געמאכט אזוי אויך אין אנדערע פלעצער, ביי רבי יונתן בן עוזיאל, ביי רבי מאיר בעל הנס.

**רבינו:** די כהנים וואס פלעגן אריינצוגיין אין די מערה, וואס איז געווען דער היתר, אלס קברי צדיקים [שאין מטמאין], אדער ווייל עס איז געווען געבויעט [מיט א פותח טפח][א]?

**גאב"ד קארלסבורג:** איך וועל אייך זאגן, איך בין אמאל געפארן מיט אייער טאטן זצ"ל צוזאמען וועגן עפעס אן ענין, האט ער מיר געזאגט, אז ער איז געווען אמאל מיטן שאמלויער רב זצ"ל אין ארץ ישראל [בשנת תרצ"ה], און ער איז אריין צו די בית הלל, און ער האט אים גארנישט געזאגט, ער האט אים נישט געשטערט[ב].

וואס קענען מיר וויסען, עס איז אוודאי נישט מטמא, איך זאג נישט אז איך בין מתיר פאר כהנים, אבער איך

---

[א] ראה **בשבחי האריז"ל** ומובא דבריו בספר **נשמת חיים** (להג"מ מנשה ב"ר ישראל, מאמר ג' פ"ז), **שהאריז"ל** צוה לתלמידי **מהרר"י כהן** לילך לציון של רבי יהודה ב"ר אלעאי, וכך עשה והלך ונשתטח על הציון וכו' יעו"ש (מובא גם בספר **יסוד יוסף** בסוף פ"ב). **ובפני דוד להחיד"א ז"ל** (ר"פ בשלח) האריך בענין זה, וכותב בתוך דבריו, דמנהג ישראל שהכהנים הולכין להשתטח על קברות הצדיקים תורה היא ע"כ. **ובאגרא דכלה** (פ' בהעלותך) כתב 'וכן נוהגין בארעא קדישא עד היום שהכהנים הולכים על קברי הקדושים עכל"ק.

ובדבר הליכת כהנים על ציון הרשב"י במירון, ידוע דעת **הגר"ש העליר זצ"ל** אב"ד צפת להתיר בזה [אף לאלו הנזהרים בשאר קברי צדיקים], וכן נהגו בהרבה מקומות שהכהנים נכנסים לציון הרשב"י, וכן נוהג **רבינו שליט"א.** והרבה טעמים ונימוקים נאמרו בזה להקל אצל ציון הרשב"י. ראה בהערה הבאה.

[ב] שמענו **מרבינו שליט"א, שאביו זצ"ל, וזקינו הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל** נכנסו לקברי התנאים הקדושים – ובתוכם לציון התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי, ציון התנא רבי מאיר בעל הנס ותלמידיו, ציון בית הלל במירון, קבר רחל אמנו, ועוד – על פי הוראתו המפורשת של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**, וכן נהג אביו תמיד כשהיה בארה"ק שהיה נכנס למקומות הללו שהתיר לו זקינו זצ"ל.

ולהשלמת הדברים נעתיק תשובת **הרה"ג רבי מרדכי שפיעלמאן זצ"ל** בעמח"ס **ציון לנפש צבי** (הובא **בקובץ אורייתא** – קובץ י"ט עמוד שכ"ג) וזה לשונו: בשנת תש"נ לפ"ק זכיתי להתפלל ביום הכיפורים במירון בבנין הבנוי על קברי התנאים הקדושים רבי שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו, וראיתי שהכהנים עולים לדוכן ואין פוצה פה ומצפצף למחות על זה, ואומרים שכן נוהגים שם מקדם עדות האשכנזים והספרדים ומנהג אבותיהם בידיהם. ואני שאלתי להכהן שקנה העליה לעלות לתורה, האם הוא הולך גם כן במערות שאר קברי צדיקים תנאים ואמוראים, והשיב לי שאינו הולך לשום מקום, ואפילו לקברי האבות הקדושים בחברון במערת המכפלה, או בבנין שעל גבי קבר רחל אמנו, חוץ ממירון על קבר רבי שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו. ושאלתיו מה נשתנה מקום הקדוש הזה, משאר מקומות הקדושים. והשיב לי, שאומרים שמשונה מקום הקדוש הזה משאר מקומות הקדושים, ופה מותר לכהן ליכנס לכל הדיעות. ושוב שאלתיו מי הוא האומר כן, ואם יודע טעמו של ההיתר הזה, והאם כבר נדפס באיזה ספר או קונטרס נימוקים ומקורות וטעמים להיתר הזה, ולא ידע להשיב לי על זה.

ובמעמד הזה אמר לי אברך תלמיד חכם אחד, שפה במקום הזה היה הגאון הגדול הצדיק המפורסם **מוה"ר שלמה זלמן עהרענרייך זצ"ל הי"ד** משאמלויא, והיה עמו נכדו בן בתו הרב הגאון **מוה"ר יהושע כ"ץ זצ"ל** אב"ד סאמבאטהעלי, ואמר לו זקינו **הגאון משאמלויא** שיכנס לקודש פנימה ונכנס. וכן אמר לי בחור אחד שהגה"צ **מוה"ר נחמן כהנא זצ"ל** האדמו"ר מספינקא בני ברק אמר, שפה מותר לכהנים ליכנס לכל הדיעות, מחמת שהבנין בנוי באופן שהטומאה אינה בוקעת לתוך הבנינים שעל גבי הקברים, והוא עצמו שהיה כהן מיוחס מנכדי **הגאון בעל קונטרס הספיקות זצ"ל** נכנס פנימה על סמך היתר זה.

וכשחזרתי הביתה לארה"ב צלצלתי לבן **הרב הגאון מסאמבאטהעלי זצ"ל** ה"ה הרה"ג חו"ב טובא **מוה"ר חיים יהודה כ"ץ שליט"א** אב"ד סערדאהעלי, ואמר לי ששמע כמה פעמים מאביו, שזקינו **הגאון משאמלויא זצ"ל** אמר לאביו שיכנס לפנים הבנין של קברי רבי שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו, וגם אמר לו כן אצל קבר רחל, ואצל קבר יוסף הצדיק, ואולי אצל עוד קבר צדיק אחד שאינו זוכר כעת מי היה. ואביו היה תמה תמיד, מדוע לא אמר לו כן אצל שאר קברי הצדיקים. וגם אמר לי הרה"ג הנ"ל שליט"א, שאביו אמר לו שהוא נכנס לקברי צדיקים אלו מפני שזקינו הגאון הצדיק אמר לו שיעשה כן, אבל לך מוטב שלא תכנס, ולא תכניס עצמך בענין זה החמור של טומאת כהנים לצדיקים, שרבים צווחו ככרוכיא על זה. מזה אנו רואים **שהגאון משאמלויא זצ"ל** לא התיר דוקא ביחוד במירון בקברי רשב"י ור"א בנו, אלא גם בקבר רחל וקבר יוסף הצדיק. – כן השגתי גליון חדו"ת מקרובו של **האדמו"ר מספינקא בני ברק זצ"ל**, ה"ה בן אחיו **הגה"צ מספינקא בירושלים** בענין כניסת כהנים לציון הרשב"י זי"ע במירון, ואחר שהאריך כתב, ולכן גם קברי צדיקים מטמאים, ולפי זה גם כאן במירון קברי של רשב"י ובנו ועוד תנאים, גם כן היה אסור לכהנים ליכנס, אלא שמקובל אצלנו מדודינו **הרה"ק רבי נחמן אדמו"ר מספינקא בני ברק**, ששמע מזקינו **הרה"ק הרבי רבי ברוך רובין** אב"ד בריזדאויץ, שהיה חתן **הרה"ק רבי מנחם מענדל מזידיטשוב**, שאמרו לו זקנים מצפת, שמקובל דכשבנו את הבנין על ציונו של הרשב"י עשו פותח טפח בקבר, כדי שהטומאה תצא מן הצד. וכן שמענו מהרה"ח רבי יצחק אייזיק אייזן, שהיה יליד זידיטשוב, ונקרא על שמו של זקינינו **מהרי"א מזידיטשוב**, שבהיותו ילד הגיע לצפת וגדל שם, ואמר שלמטה תחת שני החלונות שבאהל רשב"י היה פותח טפח לקברו של הרשב"י, ובאופן כזה מותר גם לכהנים ליכנס לתוך הבנין שעל הציון ואין בו טומאה עכ"ל. וקרוב אחר והוא בעל נכדתו של האדמו"ר מספינקא בני ברק אמר לי, שזקינו האדמו"ר אמר לו שהקבלה הוא שנבנה הבנין על גבי כיפין. ויוצא מזה שיש ב' נוסחאות בקבלה זו, וזהו הטעם של ההיתר [ע"ש מה שכתב לדון בזה בארוכה].

האב היינט געקלערט צו זאגן אביסל מער היתר וואס קען זיין היינט. עס איז אזוי, דער אהל דארט איז געווען אמאל א רשות היחיד, היינט איז עס געווארן א רשות הרבים, מען קען טרעפן דארט מענטשען אפילו שפעט ביינאכט, שטענדיג זענען דא מענטשען דארט, מען גייט ארויף און אראפ, עס איז א עכטע רשות הרבים. ספק טומאה ברשות הרבים איז טהור (ע"ז לז:), נו, עס איז דאך א ספק וואו ער ליגט פונקטליך, אויף זיכער ווייסט מען דאך נישט, איז דאך עס א ספק, און ביי ספק טומאה ברשות הרבים מעג א כהן אריינגיין.

**רבינו:** עס זענען דא וואס האלטן אז לגבי כהונה נוצט נישט דער ספק טומאה ברשות הרבים, נאר לגבי טומאה וטהרה (עיין בחידושי הצל"ח ברכות יט. ד"ה ורוב ארונות, מנחת חינוך סוף מצוה שס"ג, שו"ת אחיעזר ח"ג סימן ס"ה סק"ו, שו"ת דובב מישרים ח"ב בסופו, שו"ת מנחת יצחק ח"א סימן ל').

**גאב"ד קארלסבורג:** איך בין נישט מתיר נאר וועגן דעם, נאר אזוי ווי מען ווייסט נישט, דער זאגט אז עס איז דא, און דער זאגט אז עס איז דארטן, איז עס א שטיקל ספק (ועיין עוד בזה בספרו שו"ת עמק התשובה ח"ח סימן פ"ו, לענין טומאת כהנים באוירון שיש בהם ארונות של מתים).

**הגאב"ד ביקש להגיש כיבוד, ונענה רבינו:** דער רב האט מיך מכבד געווען, אז מען האט מיך אויפגענומען.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה ווייטער אויף מען זאל זיין געזונט און שטארק, לאנגע געזונטע יארן, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

**גאב"ד קארלסבורג:** אמן. דער אייבערשטער זאל העלפן מיט הרחבת הדעת און סייעתא דשמיא, מרבה זיין גבולו תלמידים, מתוך נחת און אריכות ימים ושנים. [בסיום הברכה נשק רבינו שליט"א את ידיו].

**ונפרדו לשלום**

---

## בענין עליה לציון הרשב"י במירון ועוד

בניחום אבלים על פטירת אשתו הרבנית ע"ה

מוצש"ק פרשת וישב תשע"ח לפ"ק – בעיה"ק מירון

---

**רבינו:** איך זעה אז דער רב זיצט און לערנט (שו"ע הל' אבילות).

**גאב"ד קארלסבורג:** מען לערנט זאכען וואס מען מעג יא לערנען.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין אין די תולדות פונעם הייליגען **ליסקער רב זצ"ל**, אז דער ליסקער רב איז אמאל געפארן אויף א שבת צום **צאנזער רב זי"ע**, און אמאל האט מען נישט געוואוסט פון איין מדינה אויף די צווייטע מדינה, וואס דער מצב איז דארט, און דער צאנזער רב איז געזעסן דעמאלטס שבעה נאך א קינד, און דער ליסקער רב איז אנגעקומען פרייטאג, און ער האט געהערט אז דער צאנזער רב זיצט שבעה, האט ער נישט געוואלט אריינגיין מנחם אבל זיין, ווייל ער האט נישט געוואלט זעהן דעם צאנזער רב זיצען אויף דער ערד. האט ער געווארט ביז דער צאנזער רב האט זיך אויפגעשטעלט, ערב שבת, און דעמאלטס איז ער אריינגעקומען מנחם זיין.

**בנו מ"מ הגה"צ רבי משה שליט"א:** מען זאגט נאך, אז דער **חוות דעת**, האט דאך אפאר מאל חתונה געהאט, און עס איז געווען א גדול וואס האט נישט געוואלט מסדר זיין דעם גט. ווייל דער סדר וואס מען דארף זאגען איז מיט א לשון 'דו', און נישט 'דער רב', אדער 'איר', האט ער נישט געוואלט זאגען די לשון 'דו' אויפן חוות דעת.

**רבינו:** זי האט א זכיה אז זי איז געקומען לקבורה דא אין מירון, וואו דער רב רעכט אפ די עבודת הקודש. זי האט דאך געהאט א זכות דערין.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער טאטע איז דאך געווען אין מירון מיטן **שאמלויא'ער רב**, ער האט עס מיר אליין געזאגט, אז דער שאמלויא'ער רב האט אים געזאגט, אז אפילו אין די מערה פון רבי שמעון קען ער אויך אריינגיין.

**רבינו:** ביי רבי מאיר בעל הנס איז ער אויך אריינגעגאנגען.

**הגר"מ:** דארט איז דאך דא סומכוס און אנדערע תלמידים. הייסט עס אז ער האט געזאגט אלץ קברי צדיקים מעג מען גיין.

**רבינו:** מירון האט אנדערע טעמים אויך (שיש פותח טפח, ועוד).

דאס וואס דער רב איז געבליבן דא איבער שבת, דאס איז על פי נגלה צו על פי נסתר. - די ערשטע שלשת ימים גייט מען דאך נישט ארויס (עיין **בשו"ע** יו"ד סימן שצ"ג).

**הגר"מ** (בצחות): מען האט דאך געדארפט זעהן אז דער וויענער רב זאל האבען א מקוה (**שרבינו שליט"א** השתמש במקוה שלו).

**רבינו:** אי משום הא וואלט מען נישט געדארפט.

**גאב"ד קארלסבורג:** אז מען האט וואו צו וואוינען, דארף מען זיך נישט איילען, גיין און קומען. אז מען האט א דירה, קען מען ווארטען ביז נאך שבת.
**רבינו:** דא וואוינט מען, דארט איז מען נאר בדרך אגב.
**הגר"מ:** רצועה מתקפלת.
**גאב"ד קארלסבורג:** מען זעהט דאך די קדושים וואס זענען געווען דא. דער **בית יוסף** פלעגט אויך קומען דא אויף יום טוב סוכות. און די שפעטערדיגע, דער **אור החיים הק'**, אלע זענען געקומען דא קיין מירון. די שטיבלעך אויבן זענען געבויט געווארן פאר די אורחים וואס זענען דא געבליבן.
**הגר"מ:** עס איז נישט געווען קיין ישוב דא.
**רבינו:** בימים ההם איז נישט געווען דא קיין שום ישוב?
**הגר"מ:** ניין. אפילו פאר פופציג יאר צוריק איז קוים געווען, אבער פארדעם איז גארנישט געווען. עס שטייט אז ווען דער **בית יוסף** מיטן **אר"י הק'**, פלעגן קומען אויף א חודש ימים, האבען זיי זיך געבויט ערגעץ סמוך, און זיי זענען ארויפגעגאנגען איינמאל א וואך, צו איינמאל אינגאנצן. אונז זאגט מיר פארן טאטען, אז מיר זענען נישט מסופק אז דא איז געווען זייערע אוהלים.
**רבינו:** ערליכע יודען זענען מרגיש קדושת המקום.

**הגר"מ:** עס איז עושה רושם, עס בלייבט א רשימה.
**גאב"ד קארלסבורג:** אסאך צדיקים האבן געהאט חשק צו זיין אין מירון. נישט יעדער איינער האט געקענט אנקומען צו דעם. מען איז אייביג געקומען צו פארן, אפשר נישט א גרויסער עולם, תיכף נאך די פטירה פון רבי שמעון איז מען שוין געקומען.
**הגר"מ:** עס האט זיך נאך דעמאלטס אנגעהויבן, הושיבו ישיבה על קברו. מען זאגט דאך אז דאס איז אקעגן משה רבינו, וואס לא ידע איש את קבורתו (דברים לד-ו), לעומת זה האט מען דא דעם ציון הרשב"י.
**רבינו:** דער **חתם סופר** (**בדרשות** ח"ב שלב.) שרייבט, ותוליכנו קוממיות לארצנו, מען זאל זוכה זיין צו קומען ווען מען שטייט, נישט ווען מען ליגט.
**גאב"ד קארלסבורג:** מען זעהט דאך אז די אלע תלמידי חתם סופר וואס זענען געקומען אהער, זענען געקומען קיין מירון.
**רבינו:** איך וועל נישט אויפהאלטן, המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, מען זאל אפגעהיטן ווערן פון צער, לאנגע געזונטע יארן אי"ה קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט הרחבת הדעת.
**גאב"ד קארלסבורג:** מען זאל זוכה זיין צו נחמת ציון וירושלים בקרוב.